# אַברהם סוצקעווער
# פּאָעטישע ווערק

באַנד איינס

תל־אָביב 1963

## צו פּוילן

א

דו עלטערע שוועסטער פֿון היימערד פֿון מײַנער!
עס וואָגלט אויף ס'נײַ דײַן פֿאַרבענקטער ציגײַנער.
אויף ס'נײַ איבער דײַנע פֿאַרלאָשענע וועגן
און זוך דעם גערוך פֿון געוועזענעם רעגן.
די פֿאַרבן פֿאַרקלעפּט און פֿאַרלעבט אין מײַן חלום,
דײַן הימל, וואָס איך האָב געטרונקען אַ מאָל אים
צוזאַמען מיט פֿייגל־געזאַנג און לעגענדע.
אין פּ ו י ל ן איך זוך דיך. נאָר וואָס איז געשען דאָ?
דו ענטפֿערסט מיר ניט אויף דײַן שפּראַך, וואָס געזויגן
האָב איך ווי דעם בליאַסק פֿון באַפֿליגלטע אויגן
אין ערשטער פֿאַרליבטשאַפֿט. מיצקעוויטשעס לשון
באַגעגנט מיך שטומיק. זײַן גלאַנץ איז ניטאָ שוין.
ס'איז ניט ווי אַ מאָל, ווען געקלונגען האָט גרויס עס
צוזאַמען מיט ייִדיש. — קרישטאָלענע כּוסות
וואָס קלאַפּן זיך צו איינס דעם צווייטן לחיים.
כאָטש ליב האָב איך דײַנע פּאָעטן עד היום
און וויפֿל עס זאָל מיך ניט וואַרגן דער ייִאוש —
דערפֿרישט מיך דער זוניקער קוואַל פֿאַן טאַדעוש.
די וועלדער אין היימישן באָדן פֿאַרקערנט,
די מענטשן וואָס ע ר האָט זיי לעבן געלערנט
און ס'נאָגט זייער בענקשאַפֿט אין יאַנקלס קאַפּעליע.
און ליב איז מיר אויך דער פּאָעט פֿון אַנהעלי,
זײַן גוף — אַ געפֿלעכט פֿון פֿאַרבישופֿטע פֿלייטן
וואָס הילכן נאָר אָפּ מיט צעקלימפּערטע קייטן —
די קייטן אויף ברידער אין אײַזיקן צפֿון.
אויך נאָרוויד וואָס זינט כ'האָב געזען זײַנע סטראָפֿן
אין פּוקערם טרינקאַרניע, פֿאַרקריצט אויף דער אַלטקייט
פֿון פּורפּלנע ווענט — האָט אויף מיר די צעקוואַלטקייט
פֿון זײַנע משיחישע נעכט אויפֿגעפֿלעמלט,
אַז איך האָב געקניט און באַזונגען אים דעמאָלט.

ביז איצטער באַגלייט מיך דורך אַלע ירידן
זײַן ליד, וואָס ער הייליקט די וואַרשעווער ייִדן.
בין מוחל אַפֿילו און האָב ניט קיין טענה
צו זיי, דײַנע זינגער, די שטאַמלינגען מײַנע;
פֿאַרליבט אין דײַן מיאוסקייט ווי אין דײַן שיינקייט,
זיי וואָיען ווי הינט צווישן וועלף אין אַליינקייט.
נאָר וויפֿל זיי האָבן געפּרוּווט זיך פֿ אַ ר וו אַ ל פֿ ן —
האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן, האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן.
בין מוחל! צי וואָלט דען ווי ליעשמיאַן, למשל,
באַזונגען אַ צווייטער דײַן בלימל, דײַן פֿראַשל?
די זון, וואָס דער אָוונט צעבלאָזט אין פּמליות,
אַ לאַנקע דערטרונקען אויף יענער זײַט כוואַליעס
און ברעזעס, וואָס טאַנצן אין חלום ווי כּרובֿים?
פֿאַרמאָגסטו אַ צווייטן ווי יוליאַן בן טובֿים?

נאָר ווער האָט די וווּנדיקע סתּירה פֿאַרענטפֿערט?
עס זענען דעם הפֿקר נאָך איבערגעענטפֿערט
די אָקערשט באַפֿרײַטע. זיי וואָגלען פֿאַרגאַלטע
און כאַפּן זיך אָן בײַ די שטידלען די אַלטע
פֿון זייערע היימען. (אַזוי ווי פֿאַר צײַטנס
געיאָגטע, וואָס זענען פֿון נאָענט און ווײַטנס
דערלאָפֿן צום מישכּן אויס רייַנגאָלד געהאַמערט
און דאָרט זיך בײַם ראַנד פֿון מזבח פֿאַרקלאַמערט).
כאָטש דערנער פֿאַרבײַטן די ברידער, די שוועסטער,
אין דײַנע פֿאַרשׂרפֿעטע, חרובֿע נעסטער.
נאָר אָנשטאָט מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיט ליבע,
פֿאַרשטיי איך ביז הײַנטיקן טאָג ניט די סיבה
אַלמאַי זיי באַגעגנט גאָר זײַטלדיק-ביטער
דער פּאָליאַק, וואָס האָט דאָך געשמט פֿאַר אַ ריטער.
קומט אויס, אַז מיט הונדערט יאָר פֿריִער דײַן נבֿיא


געוועזן איז גאָר בלינד, ווי אין טאָגליכט אַ סאָווע,
ווען ער האָט אין גלות געשאַפֿן לעגיאָנען
פֿון פּוילישע ייִדן מיט פּוילישע פֿאָנען?
טאָ וואָס איז געשען מיט זײַן אייניקל, וואָס זשע?
**Smutno mi, Boże!**

ב
דאָס ווײַסל פֿון אויג איז געווען מיר דײַן ווײַסל!
און וויפֿל געטרער האָט געשטראָמט פֿונעם ווײַסל
אין וואַסער אַרײַן דורך די דורות געשליפֿן.
און אויבן — די שיפֿן, די גילדענע שיפֿן.
אָ, ברעגן בײַטײַכיקע, פֿאַרביק און ראַשיק,
ווו חתונות ווירבלען אַרום שלום-אַשיק.
ווו ס׳פֿינקלען נאָך בענטשליכט אין באָבעשע לײַכטער,
ווו גויִשער ווינט איז אַ ייִדישלעך-פֿײַכטער!
מײַן שטאָם האָט מיט גלויבן די וואָרצלען געלאָדן
ווען ער איז אַרײַן אין דײַן פֿרוכטיקן באָדן.
פֿאַר דײַנטוועגן האָט ער געשאַפֿן, געמײַסטערט,
אין יאָרן פֿון קנעכטשאַפֿט — דערהויבן, באַגײַסטערט.
די ליבשאַפֿט צום אייגנלאַנד האָט ער פֿאַרביטן
אין ליבשאַפֿט צו דיר און אין אײנעם געליטן,
כאָטש ער האָט זיך כּלומרשט פֿאַראינדזלט באַזונדער.
מײַן שטאָם האָט אַריבערגעפֿלאַנצט דאָ אַ וווּנדער
געבראַכט פֿון באַרג סיני דורך מידבר, נבֿיאים — — —
און דאָס האָט, קען זײַן, דיר געגעבן אַ קיום
אַז דו ביסט געוואָרן געגרייסט און געווילקט,
אַז דיך האָט קיין צאָר און קיין האָר ניט פֿאַרטיליקט.
און די, וואָס דיך האָבן געבויט און געקנאָטן,
זיי זענען געבליבן פֿאַרקליינט אין אַ שאָטן, —
אַ הילצערנער קראַנץ פֿון בית-עלמינשע ברעטלעך.
דערפֿאַר האָבן שטעט זיך געטורעמט און שטעטלעך.

באַדאַרף מען דען זאָגן אַ דאַנק צווישן ברידער?
עס האָבן זיך איבערגעפֿלאָכטן די לידער
פֿון פּויליש מיט ייִדיש, פֿון ייִדיש מיט פּויליש.
און כאָטש דײַן גלין־גלאָן האָט געשראָקן קאַטויליש —
האָט ער מיט אַ תּפֿילה באַרירט זיך צוזאַמען,
ווי צווײַגן פֿון צווײ גאָר באַזונדערע שטאַמען
באַרירן זיך קענען אַ זונפֿאַרגאַנג ביידע.
אַ טעות געהאַט עס האָט אָבער מײַן זיידע
און איך שוין אוודאי. צי הערסטו מײַן ריידן?
צי וועסטו מיר קענען אויף אַלעם באַשיידן?
דו קרוין, וואָס דײַן איידלשטיין האָט אין פֿאַרנאַכטן
פֿונאַנדערגעשימערט פֿאַרגאַנגענע פּראַכטן.
צעשפּרודלטער קוואַל פֿאַר בונטאַרן, פֿאַר בעש״טן
ווי לעשט'ן דעם דאָרשט פֿון די דורות, ווי לעשט'ן?
איך האָב דאָך געמיינט: די מלחמה פֿאַרענדיקט,
וועט זײַן אויך די פֿינצטערע שׂינאה געבענדיקט.
אַ רויז טויזנטבלעטערדיק וועט אויף רויִנען
אַרויסבליִען ווידער אַ פֿרישן באַגינען.
דער ייִדישער לייב און דײַן אָדלער — די שכנים,
געשמידט אויף די קופּער־מנורות אין איינעם,
זיי וועלן געווים מיטן אויפֿשטראַל דעם זעלבן
באַלײַכטן די קבֿרים, דעם טרויערם געוועלבן.
מיר וועלן צונויפֿזאַמלען ווילן צו ווילן,
און אונדזערע וווּנדן די ווײַסל וועט קילן.
די שטעט וועלן אָפּוואַקסן — ציגל אויף ציגל,
אַ שויב וועט אַ פֿאַך טאָן אויף ס'נײַ ווי אַ פֿליגל,
און גלײַך מיט די שטעט וועלן דור'לען זיך קינדער.
נאָר האָב איך אַ רעכט עס צו גלייבן אַצינדער?
טאָ וואָס איז געשען מיט דער ברודערשאַפֿט, וואָס זשע?

**Smutno mi, Boże!**



ג

איך וויים, ביסט ניט שולדיק, וואָס פֿינדלעכע האָרדעס
דיך זענען באַפֿאַלן, ס'איז איטלעכן קלאָר דאָס.
און האָט דיך דער בלוטפּײַנד געפּליקט און באַליידיקט,—
האָסטו זיך פֿאַרטיידיקט, די בירגער פֿאַרטיידיקט
אין וועסטערפּלאַט, קוטנע. צי וועסטו דערקענען
די בערגלעך און זייערע ווינער וואָר זענען,
פּאַליאַקן צי ייִדן? ווי קען עס געמאָלט זײַן!
זיי זענען געפֿאַלן, דײַן אָדלער זאָל שטאָלץ זײַן.
נאָר קוים האָט פֿאַרקנעכט דיך דער קנעכטישער שׂונא —
האָסטו שוין בײַם טרײַבן די ייִדן אין בוינע
אַ שרעקלעכע פֿרײַהייט באַקומען ווי קיין מאָל,
און האָסט אויפֿן פֿײַער געגאָסן נאָך בוימל.
נאָר איך האָב געפּרוּווט זיך אַליין צו באַצווינגען,
איך זאָל וועגן דאָזיקן אמת ניט זינגען.
פֿאַר מיר האָבן איינציקע העלפֿער און רעטער
אַריבערגעוווּיגן פֿיל טויזנט פֿאַררעטער.
אין זכות פֿון דעם איינציקן בין איך געקומען
דיך ווידער צו ליב האָבן מוכן ומזומן,
אין זכות פֿונעם פּאַסטעך וואָס האָט אין אַ נאָרע
באַהאַלטן דאָס מיידעלע רויזנוואַלד שׂרה,
איר יאַגדעם דערלאַנגט אין איר אויסגעשטרעקט הײַפֿל,
און שפּילן ער פֿלעגט אויך ניט ווײַט, אויף זײַן פֿײַפֿל
איר זאָל אין דער פֿוקסענער נאָרע זײַן היימיק.
(אַצינד האָט זי איס שוין געשריבן פֿון עמק).
אין זכות פֿונעם סטרוזש, וואָס האָט אונטערן בנין
אַוווּ די געסטאַפּאָ באַהאַלטן אַ מנין.
אין זכות פֿון אַמאָליאַ דער טײַערער נאָנע
וואָס האָט פֿאַרן געטאָ געבראַכט אַ מתּנה
אַ זעקל מיט פּולווער. אין זכות פֿון אַ פּויער,
געהאַנגען אין מיטן דער שטאָט אויף אַ טויער

מיט רײַסיקער אויפֿשריפֿט: געהאלפֿן א יודע.
אין זכות פֿון דעם הינטשלעגער וואצעק. אין בודע
ווו ער פֿלעגט די הינט די געכאפּטע פֿארשליסן,
דארט האט ער פֿארדוקט, עס זאל קיינער ניט וויסן,
דרײַ קינדער אהינטער אן אפּצוים פֿון ברעטער.
אין זכות אויך פֿון די אײדלמוטיקע רעטער
וואס אומבאוווסט זענען די נעמען אפֿילו,
פֿארקלער איך זיי נעמען און טו פֿאר זיי תּפֿילה:
פֿאר די, וועלכע לעבן — די לעביקסטע פֿריידן,
און פֿאר די פֿארשניטענע — רו אין גן־עדן.

נאר זע איך די קויל די צעגליטע פֿון ווארשע,
וואס האט זיך אין הארץ מיר געטאן א פֿארירשע —
דערמאנט זיך מיר אויך, ווי עס האבן געשלײַדערט
מיט שיכּורן חוזק די לײַט פֿון דער פֿרײַ דארט
ווען ס'האבן אין געטא ווי ברעניקע לייבן
געקעמפֿט מײַנע ברידער, דעם כּבֿוד צו הייבן
פֿון לאנד און זײַן פֿאלק, ווו מע וועט עולה רגלען
צו שעפּן דעם רום. "ווי זיי טוען זיך פּרעגלען",
געשפּאט האבן דײַנע געפּודערטע דאמען
און דורך די לארנעטן געקוקט אויף די פֿלאמען.
נאר שוין בײַ די רייד וועגט אריבער מיר ווידער
א צענדליק פּאליאקן וואס זענען ווי ברידער
געקומען אליינוויליק, פֿול מיט פֿארמעסטונג
און העלדיש געפֿאלן בײַם שיצן די פֿעסטונג.
און זיי וועט דער שטראליקער האר פֿון די יארן
פֿארקריצן מיט דימענט בײַ זיך אין זכּרון.
נאר זענען כאטש יענע גיבורים דיר טײַער,
צי היטסטו דעם גײַסט פֿונעם ווארשעווער פֿײַער?
וואס האט ער, א שטייגער, געלערנט דיך, וואס זשע?

**Smutno mi, Boże!**



ד

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאך דער עדות
פֿון דײַנע פּאגראמען אויף קינדער און זיידעס.
איך האב דאך געזען, ווי מיט פּרענטן און פֿלעקער
עס מארדט דײַן המון אונטער קופּערנע גלעקער.
און שפּעטער — געזען דײַנע פֿרויען און מענער
אין שטומען באגלייט אונטער בלוט־רויטע פֿענער
די לאנגע לוויה, די פֿרײַע, די נײַע.
שאפּען האט געוויינט און געפֿירט די לוויה.
און אויבן — די פֿענער ווי פֿייגל געפֿאנגען
זיי האבן אנטלויפֿן געוועלט פֿון די שטאנגען.

— — — — — — — — — — — —

און אמת איז אויך, אז די ערד אויפֿן רידל,
געפֿאלן אין גרוב ווי א פּלאנכיקע פֿידל, —
איז גלײַך ווי זי וואלט מיר פֿארשאטן מײַן בענקשאפֿט.
און מער פֿונעם ווייטיק און טיפֿער געקרענקטשאפֿט
בײַם זען ווי די זון איז מטהר און צערטלט
מײַן חבֿר, דורך דײַנע מערדיירים צעפֿערטלט —
צעפֿרעסט מיך דער זשאווערדיק טעמפּער בזיון
וואס נאך דער מלחמה עס ווידמענען, ראיען
ארום אונטער דײַנע פֿארשרפֿעטע דעכער
ווי גיפֿטיקע עקדישן פּוילנס פֿארשוועכער.
און כאטש מיר איז שווער צו דערטראכטן זיך סטראפֿיק
דײַן צוקונפֿט — דאך איז שוין בײַ מיר ניט קיין ספֿק,
אז ווו נאר עס וועט זיך איר מזל ניט ריכטן —
ס'געוועזענע וועסטו ניט קענען פֿארריכטן.

און מייגסטו, איך זאג עס דערפֿאר ווײַל איך וואָרן
און בעט זיך: דערבארעם זיך, מינער דײַן צארן,

לאָז בויען דעם ייִדן צוריק דײַנע גיטער?
ווי קום איך צו זײַן אויף דײַן ערד אַ געביטער!
עס האָט דאָך אַ צווייטער געמאַכט דעם סך־הכּל
און איך בין דאָ בלויז ווי אַ צווײַג אין געוואַקל.
אַ צווײַג, וואָס ב י ג ו ו אַ ל ד וויל כאַטש איין מאָל נאָך גרינען!
— — — — — — — — — — — —
איך שפּרײַז דורך דער מידבר פֿון וואַרשע, געפֿינען
אַ ווײַסל אַ צווייטע, כּדי אויף די שטראָמען
זאָל זעגלען זיך ווײַטער מײַן סלאַווישער נאָמען.
ס׳באַגלייט מיך אַ ווערבע, אַ ליד אַ פֿאַרבאַקנס,
אַ תּורה געוויקלט אויף בראַנדזענע נאַקנס,
צעפֿינקלטע בענטשליכט אין איטלעכן אבֿר,
אַ שטיינדעלע פֿון אַנילעוויטשעס קבֿר,
וואָס קײַקלט אַרײַן אין די דורות זײַן סימן.
און ווי בײַ סלאָוואַצקין אין פֿלאַמיקן הימען
בײַם זונפֿאַרגאַנג — רוישן אויך איצטער בוטשאַנען
און טראָגן אַוועק מײַנע טרערן פֿון דאַנען
אין שקיעה. נאָר א י ם האָט געצויגן קיין פּוילן
און איך וויל שוין אַפּרוען ווײַט פֿון די גרוילן.
— בוטשאַנען, וואָס האָט איר געלאָזן מיך, וואָס זשע?

**Smutno mi, Boże!**

ה

ס׳איז אומעטיק, גאָט מײַנער! ווי לאָזט מען איבער
דעם עמק הבכא, די שטיבער, די גריבער?
ווי שטעלט מען דער פּוסטקייט אַ דענקמאָל, אַ צייכן,
עס זאָל צו מײַן אייניקלס אייניקל גרייכן?
וואָס טוט מען, דער נעכטן זאָל ווערן נתגלה
דעם מאָרגן? ווי פֿאַנגט מען דעם עכאָ פֿון אַלע



פֿאַרשניטענע תּפֿילות? ווי טרינקט מען פֿון לאַגל,
פֿון וואַנען דער טויט האָט געטרונקען? איך וואָגל
און פּרוּוו די אַנצאָליקע קבֿרים פֿאַרשטעמפּלען
מיט לידער. איך שפּרײַז דורך די מירמלנע טעמפּלען
פֿון דײַנע בית־עלמינס לובלינער און קראָקער,
אַהינטער אַ בערגל פֿאַרשרומפּ איך זיך, לאָקער,
און ס׳דאַכט: עלעהיי איך בין ווידער אין יענעם
שוואַרצבערדיקן פּוילן אַ טאָג פֿאַרן גיהנום.
עס גריסן מיך תּחית־המתימדיק נעמען.
פֿאַרליימיקטע פּנימער הייבן זיך, נעמען
אַרײַן אין אַ ווירבל מײַן גוף בחפזון,
אַ רגע... און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין גראָזן
צעצינגלט אויף בערגלעך מיט גרינעם דערבאַרעם.
איך שפּיר אָבער אונטער די גראָזן אַ ליאַרעם,
ווי ס׳וואָלטן די טויטע פֿאַרטיידיקט אַ ביתּר
און שאָלן אַרויס דורך אַ שוואַרצן טרומפּייטער
דאָס לעבן. און אויבן די דעמבעס ווי שילדן
פֿאַרהאַלטן די צײַט אין געצווײַג און באַגילדן
די קרישל־מצבֿות מיט האַרבסטיקע בלעטער.
— בית־עלמינס, בית־עלמינס, וווּ זענען די רעטער?
וווּ זענען די פֿעלדזן־געקנעטע טיטאַנען
וואָס זאָלן אויף זייערע פּלייצעס פֿון דאַנען
אַוועקטראָגן אײַך איבער נאַכט דורך אַ כּישוף
און אײַנפֿלאַנצן דאָרט, וווּ אַ ייִדישער ייִשובֿ
אויף ס׳נײַ ווערט געבוירן! — —

אָ, וויי מיר, אָ, וויי מיר,
מע זעגט אויף די שטילע בית־עלמינס די ביימער!
דער שפּיגל פֿון דורות פֿאַרלירט באַלד זײַן אויסזע.
און ערבֿ יום־כּפּור בײַם קבֿר פֿון תּוזה

אין פוסטן לובלין — ליגט אַ כאַפּטע שיכּורים.
און שימלדיק שטיל איז ווי ערבֿ אַ שטורעם
בײַם שטיין פֿון רמ״אַ אין אַלטפּעטערשער קראָקע.
אַ ציג בלאָנקעט אום אין די שאָטנס קאַסאָקע,
אַנטפּאַרעמט די רו בײַם באַטרעטן אַ ריטל
און צופּט אינעם גראָז אַ פֿאַרוואַלגערטן קוויטל.
און דאָרט אויף דער גענשע נאָך וואַרט אויפֿן גואל
מיט פֿליגל צעבויגענע פּרצעס אוהל
און היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פֿונעם דיכטער
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּרייט זײַנע ליכטער.
געלאָדן פֿאַרזשאַווערט געווער מיט בטחון.
איך שטיי בײַ דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
בײַם ראַנד איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ־ייִד האָט עס מיט פֿאַרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט בײַם אַנטרינען פֿון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן וואָס טוליעט זײַן גלויבן
צו פּרצעס אייביקע, גלייביקע שטויבן.
בײַ טאָג פֿלעגט ער ליגן פֿאַרדרייט אין זײַן פֿאַלע
און ווערעמלעך פֿלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבֿנה מיט ביינערנע פֿינגער
נעמט אָנקלאַפּן אויבן — פֿלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פֿלעגט ער אין דרויסן פֿאַרטײַעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול ווי אַ פּייט
ס'געשריפֿטס אינעם אוהל־געוועלב: ״אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק...״ דאָס פֿלעגט דערפֿרייען,
דערהייבן זײַן גײַסט אין צעגליטע צירופֿים
און אויפֿהאַלטן, שטאַרקן זײַן דערנערשן גוף אים.



און איך, וואָס אַהער בין געקומען כּדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מײַן פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זײַן ניגון
וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן:
— ״אַט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!״

פּוילן, יולי־סעפּטעמבער 1946